אױפגעמאַכט דער היכל פון דעם משכן העדות אין
6 הימל; און עס זענען אַרױסגעקומען פון דעם היכל
די זיבּן מלאכים, װעלכע האָבּן די זיבּן פּלאָג, אָנגעטון
אין רײנע לײװונט, װאָס האָט געגלאַנצט, און אַרומ־
געגאַרטלט אַרום דער בּרוסט מיט גאַרטלען פון
7 גאָלד. און אײנע פון די פיר חיות האָט געגעבּן
די זיבּן מלאכים זיבּן גאָלדענע געפעסן, פול
מיט דעם צאָרן פון ג־ט, װעלכער לעבּט לעלמי
8 עולמים. און דער היכל האָט זיך אָנגעפילט מיט
רױך פון דער הערלעכקײט פון ג־ט און פון זײן
קראַפט; און קײנער האָט נישט געקענט אַרײנגײן
אין דעם היכל אַרײן, בּיז עס װעלן פאַרענדיקט
װערן די זיבּן פּלאָג פון די זיבּן מלאכים.

## קאַפּיטל זעכצן

1 און איך האָבּ געהערט אַ הױך קול פון דעם
היכל זאָגן צו די זיבּן מלאכים: גײט, און לעערט
אױס די זיבּן געפעסן פון ג־טס צאָרן אױף דער
ערד!
2 און דער ערשטער איז אַװעק, און האָט אױס־
געגאָסן זײן געפעס אױף דער ערד; און עס זענען
געקומען בּײזע און װײטאָקדיקע געשװירן אױף
די מענטשן, װאָס האָבּן געהאַט דעם סימן פון
דער חיה און װאָס האָבּן זיך געבּוקט צו איר
בּילד.
און דער צװײטער האָט אױסגעגאָסן זײן געפעס
אױף דעם ים; און עס איז געװאָרן צו בּלוט, װי
פון אַ מת; און עס איז אָפּגעשטאָרבּן יעדעס לעבּע־
דיקע בּאַשעפעניש, װאָס איז געװען אין ים.
און דער דריטער האָט אױסגעגאָסן זײן געפעס